## איציק מאַנגער

# אַבֿרהם שיקט אליעזרן זוכן פֿאַר יצחקן אַ ווײַב

„אליעזר, מײַן אַלטער געטרײַער קנעכט,
נעם דעם שטעקן אין דער האַנט,
שפּאַן אײַן דײַנע אַלטע געטרײַע פֿיס
און לאָז דיך איבערן לאַנד!

זיך אויס פֿאַר מײַן יצחקלען אַ ווײַב,
זי זאָל זײַן אײנע אין דער וועלט,
שײן זאָל זי זײַן ווי די זון בײַ טאָג
און זי זאָל האָבן אַ קניפּל מיט געלט!

ווײַל יצחקל איז מײַן אויג און קאָפּ,
איך האָב אים קוים אויסגעווײנט.
דו ווײסט עס אַלײן, מײַן געטרײַער קנעכט,
ווײַל דו האָסט עס אין חומש געלײנט.”

דער אַלטער אליעזר באָמקעט: „יאָ”
און שמײכלט אין דער באָרד אַרײַן
און שטופּט אין אַלטן רוקזאַק אַרײַן
צווײ פֿלעשער מיט רויטן ווײַן,

די רעטשענע קיכלעך באַשיט מיט מאָן,
וואָס מען האָט פֿאַר אים געגרײט,
צען האַרטע אײער, אַ געבראָטן עוף –
דער וועג איז לאַנג און ברײט.

„רב אַבֿרהם, אַ גוטן!" – און ער גייט;
אין דרויסן דעמערט דער שליאַך.
די דעמערונג איז בלאָ און קיל,
ווי ס'טרעפֿט זיך אין תּנ"ך.

אַבֿרהם אָבֿינו קוקט אים נאָך
און זעט ווי דער קנעכט פֿאַרשווינדט
צווישן די ווייַנשלבײמער אין טאָל
אויף די פֿליגלען פֿונעם ווינט.

פֿלאַטערט די מוטער שׂרה פֿאַרבײַ
אין איר שטערנטיכל לײַכט:
„אַווערעמל, מזל-טובֿ!" – און פֿאַרשווינדט,
זײַנע אויגן ווערן טריב און פֿײַכט.

און ס'פֿלאַטערט זײַן אַלטע, גראָע באָרד
ווי, להבֿדיל, אַ טיכל אין ווינט:
„מזל-טובֿ, שׂרה! נישט געווען באַשערט,
זאָלסט פֿירן צו דער חופּה דײַן קינד."

ער נעמט פֿון דער זשופּיצע ס'חומשל אַרויס,
און לייענט די סדרה אויף אַ קול:
„חיי שׂרה" –אַ שטערן פֿאַלט
און ווערט געניזוקט טיף אין טאָל.

אַבֿרהם אָבֿינו פֿאַרטראַכט זיך און שווײַגט
די אויגן געווענדט צו דעם שליאַך.
די נאַכט איז בלאָ און סאַמעטן קיל,
ווי ס'טרעפֿט זיך אין תּנ"ך.

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.